**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול הייבט ארויס סטעיט-ברייטע רעדוקציעס אין פארברעכן אזוי ווי ניו יארקע קאמיוניטיס קומען אריין צווישן די זיכערסטע אין דאס לאנד**

***U.S. News & World Report האט געלייגט קאונטיס אין לאנג איילענד, האדסאן וואלי און ניו יארק סיטי צווישן די 25 זיכערסטע אין אמעריקע***

***פארברעכן אין ניו יארק סטעיט איז אראפ מיט 6% אין פארגלייך מיט די זעלבע תקופה לעצטע יאר***

***גאווערנער האקול האט אינוועסטירט איבער 800 מיליאן דאלאר אין אינציאטיוון צו באקעמפן פארברעכן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעהויבן אנגייענדע רעדוקציעס אין פארברעכן אריבער די סטעיט אזוי ווי א נייע אומאפהעניגע באריכט לייגט ניו יארקע קאמיוניטיס צווישן די זיכערסטע אין דאס לאנד, באזירט אויף ראטעס פוןווילדע פארברעכן, עמערדזשענסי סערוויסעס און אנדערע וויכטיגע ציפערן. אכט קאונטיס אריבער ניו יארק סטעיט, ארייינרעכענענדיג קאונטיס אין לאנג איילענד, די האדסאן וואלי און ניו יארק סיטי, זענען אנערקענט געווארן אין די U.S. News & World Report ליסטע פון ["די 25 זיכערסטע קאמיוניטיס אין אמעריקע"](#) – מער פון סיי וועלכע אנדערע סטעיט אין דאס לאנד. פיר קאונטיס זענען געווען צווישן די צען העכסטע, און איין קאונטי – נעסאו – איז גענעבן געווארן די העכסטע צייכן אין דאס לאנד.

"פובליק זיכערהייט איז מיין העכסטע פריאריטעט, און איך בין פולשטענדיג קאנצענטרירט אויף צו באקעמפן פארברעכן פון די מאמענט ווען איך בין אריין אין אפיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער צוגאנג ארבעט, אזוי ווי מארד פעלער, שיסערייען, ווילדע פארברעכן און גניבות זענען געפאלן אריבער די סטעיט. אבער מאכט נישט קיין טעות: אונזער ארבעט איז נישט פארטיג, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן צו זיכער מאכן אז אונזער סטעיט איז זיכער פאר יעדן."

ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע ציפערן אין די נייע באריכט שפיגלען אפ א ברייטע און אנגייענדע רעדוקציע אין פארברעכן. פארברעכן אריבער די סטעיט איז אראפ 6% פון אנהויב יאר אין פארגלייך צו די זעלבע חודשים פאריגעס יאר, לויט ציפערן פון די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס און פון NYPD CompStat.

די U.S. News & World Report אנאליז האט אנערקענט די פאלגנדע קאונטיס אלס אזעלכע וואס זענען צווישן די 25 זיכערסטע אין אמעריקע — מיט פילע פון זיי זעהענדיג באדייטנדע רעדוקציעס אין פארברעכן אין די ערשטע האלב פון 2024 אין פארגלייך צו די זעלבע תקופה פאריגעס יאר:

- לאנג איילענד

-נעסאו – 18% רעדוקציע
-סופאָלק –– 13% רעדוקציע

- הודסאן וואלי

-ראקלענד – 26% רעדוקציע
-וועסטשעסטער – 8% רעדוקציע
-פּאָטנעם – 15% רעדוקציע אין 2023 (2024 ציפערן נאכנישט עמטליך)

- ניו יארק סיטי

-ברוקלין, קווינס און סטעטן איילענד – 3.5% רעדוקציע צוזאמען

אזוי ווי ניו יארק זעצט פאר צו מאכן לאנד'ס-פירנדע פארשריט מיטן באקעמפן פארברעכן, האט גאווערנער האקול אויך פארגעזעצט צו מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען אין נייע איניציאטיוון צו באקעמפן פארברעכן אריבער די סטעיט, אנקומענדיג צו מער פון 800 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען אין אויספּרובירטע פראגראמען און איניציאטיוון.

די גאווערנער'ס אינוועסטירונגען האבן אויך אריינגערעכנט נאציאנאל-אנערקענטע איניציאטיוון אנגעפירט דורך די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services, DCJS), וואס שטעלט צו פינאנצירונג, טרענירונג און טעכנישע הילף פאר געזעץ אינפארסירונג אגענטורן און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אין קאמיוניטיס וואס ווערן שווערסטע באטראפן דורך גאן פארברעכן און ווילדע פארברעכן:

- נאענט צו 36 מיליאן דאלאר פאר די גאן-פארמישטע געוואלדטאטן עלימינירונג ( Gun Involved Violence Elimination, GIVE) איניציאטיוו. דורך GIVE, העלפט די DCJS ארויס 28 פאליציי דעפּארטמענטס אין 21 קאונטיס צו איינפירן אויפגעוויזענע סטראטעגיעס וואס האבן זיך אויפגעוויזן צו זיין ערפאלגרייך ביים רעדוצירן גאן פארברעכן, אריינרעכענענדיג פאליצייאישע ארבעט צו באהאנדלען פראבלעמען ביים שורש פון פארברעכן; פאליצייאישע אקטיוויטעטן אין פלעצער וואו פארברעכן איז קאנצענטרירט; אינטערוועניץ קעגן געוואלדטאטן דורך ספּעציפישע פארשוינען/גרופּעס; גאסן 'קירוב'; און פארברעכן פארמיידונג דורך די דעזיין פון די סביבה. די סטראטעגיעס קאנצענטרירן זיך אויף די עטליכע מענטשן און פלעצער וואס זענען פאראנטווארטליך פאר רוב פון די געוואלדטאטן און ארבעטן מיט די ברייטערע קאמיוניטי צו אויפבויען צוטרוי. GIVE פינאנצירט אויך דיסטריקט אטוירני'ס אפיסעס, פּראָבעישען דעפּארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס אין די קאונטיס.
- 21 מיליאן דאלאר פאר דעם SNUG גאסן 'קירוב' פראגראם, וואס באגייט זיך מיט א צוגאנג ווי צו פובליק געזונטהייט צו אדרעסירן גאן פארברעכן דורכן טרעפן די מקור, אפשטעלן די פארשפרייטונג און באהאנדלען מענטשן, פאמיליעס און קאמיוניטיס וועלכע ווערן באטראפן דורך די געוואלדטאטן. קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און שפיטעלער פירן אן דעם פראגראם אין 14 קאמיוניטיס און באשעפטיגן נאענט צו 200 'קירוב' ארבייטער, סאָושעל וואָרקערס און קעיס מענעדזשערס. די 'קירוב' ארבייטער זענען פארטרויליכע שליחים וועלכע האבן אליין פארלוירן באליבטע צו געוואלדטאטן אדער וועלכע זענען געווען פארפלאנטערט מיט די יוסטיץ סיסטעם. זיי רופן זיך אפ צו שיסערייען צו פארמיידן נקמה אקטן, אויפכאפן קאנפליקטן און זיי שליכטן אויף א פרידליכע פארנעם בעפאר זיי פירן צו נאך געוואלדטאטן. סאָושעל וואָרקערס און קעיס מענעדזשערס ארבעטן מיט מענטשן וואס זענען באטראפן געווארן דורך קאמיוניטי געוואלדטאטן, אריינרעכענענדיג פריינט און פאמיליע. די DCJS שטיצט אויך ניו יארק סיטי'ס געוואלדטאטן אפשטעלונג באמיאונגען, גיבנדיג 5 מיליאן דאלאר פאר איר קריזיס פארוואלטונג סיסטעם (Crisis Management System, CMS) כדי זי זאל קענען פארגרעסערן די פראגראמען צו די נויטיגע פארנעם.

- 18 מיליאן דאלאר פאר די סטעיט'ס אייגנארטיגע נעטווארק פון פארברעכן אנאליז צענטערן, וואס אנאליזירן, שטעלן צוזאם און שיקן ארום אינפארמאציע, פארשונג אינפארמאציע און ציפערן פאר לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אריבער די סטעיט. קיין איין אנדערע סטעיט האט נישט אן ענליכע זאך, און די צענטערן – אויפגעהאלטן בשותפות מיט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אין 10 קאונטיס און אין ניו יארק סיטי – קאנצענטרירן סטעיט און לאקאלע באמיאונגען צו אנטמוטיגן, אויספארשן און לייזן פארברעכנס. לעצטע יאר אליין, האבן איינגעשטעלטע זיך אפגעגעבן מיט מער פון 90,000 פארלאנגען פאר הילף, העלפנדיג אגענטורן לייזן אלעס פון ריטעיל געשעפט גניבות ביז מארד פעלער.
- ביז 20 מיליאן דאלאר פאר פראָדזשעקט RISE, אן אייגנארטיגע פינאנצירונג מאדעל וואס זעצט צוזאם קאמיוניטי-פארמישטע קערפערשאפטן זיך צו אפרופן (*respond*) צו גאן פארברעכן, אינוועסטירן (*invest*) אין לייזונגען, אנהאלטן אויף (*sustain*) פאזיטיווע פראגראמען און באפולמעכטיגן (*empower*) קאמיוניטיס. אין די ערשטע יאר האט די איניציאטיוו געשטיצט 99 ארגאניזאציעס, אריינרעכענענדיג 74 קליינע, לאקאל-געטריבענע פראגראמען, פילע פון וועלכע האבן נאך קיינמאל נישט באקומען סטעיט שטיצע פאר זייער ארבעט. פראגראמען און סערוויסעס פינאנצירט דורך RISE רעכענען אריין אקאדעמישע שטיצע, באשעפטיגונג סערוויסעס, באגלייטונג און קליינע און ווילדע פארברעכן פארמיידונג.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער, ראָוסאנא ראָוסאַדאָו, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס ארומנעמיגע אינוועסטירונג אין פראגראמען און סטראטעגיעס צו אדרעסירן די העכערונג פון די פאנדעמיע עפאכע אין פארברעכן צאלט זיך יעצט אפ. די DCJS בודזשעט איז די גרעסטע אין איר היסטאריע, ערלויבנדיג אונז צו גיבן רעקארד-הויכע סומעס פון פינאנצירונג פאר געזעץ אינפארסירונג אגענטורן און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וואס אדרעסירן די אורזאכן און קאנסעקווענצן פון פארברעכן. איך וויל אנערקענען אונזערע לאקאלע שותפים פאר זייערע געוואלדיגע באמיאונגען און מיין שטאב פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו די וויכטיגע ארבעט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן